18 אַריין? די זאַכן אָבער וואָס קומען אַרויס פון מויל
קומען אויסן האַרצן אַרויס; און זיי מאַכן דעם מענטשן
19 טמא. וואָרום פון האַרצן קומען אַרויס בייזע
מחשבות, מערדערייען, ניאופים, זנות, גניבות, פאַלש
20 עדות־זאָגן, לעסטערונגען. די דאָזיקע זאַכן זענען
עס, וואָס זענען מטמא דעם מענטשן; אָבער צו עסן מיט
אומגעוואַשענע הענט מאַכט דעם מענטשן נישט טמא.
21 און ישוע איז אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן, און
22 איז אַוועק אין די געגנטן פון צור און צידון. און
זע, אַ כנענישע פרוי איז אַרויסגעקומען פון יענע
גרענעצן, און האָט געשריגן, אַזוי צו זאָגן: האַר,
בן דוד, דערבאַרעם דיך אויף מיר! מיין טאָכטער
23 ווערט ביטער געפּלאָגט פון אַ בייזן גייסט! ער
אָבער האָט איר נישט געענטפערט קיין וואָרט. און
זיינע תלמידים זענען צוגעגאַנגען און האָבן אים
געבעטן, אַזוי צו זאָגן: שיק זי אַוועק; ווייל זי שרייט
24 אונדז נאָך! ער אָבער האָט ענטפערנדיק געזאָגט:
איך בין נישט געשיקט געוואָרן אַ חוץ צו די
25 פאַרלוירענע שעפעלעך פון דעם הויז ישראל. זי
איז אָבער געקומען, און אַנידערגעפאַלן פאַר
26 אים, און געזאָגט: האַר, העלף מיר! און ער האָט
ענטפערנדיק געזאָגט: עס איז נישט שיין אַוועקצו־
נעמען דאָס ברויט פון די קינדער און עס צו וואַרפן
27 פאַר די הינטלעך! און זי האָט געזאָגט: יאָ, האַר;
וואָרום אַפילו די הינטלעך עסן פון די ברעקלעך,
28 וואָס פאַלן אַראָפּ פון זייערע האַרנס טיש. דעמאָלט
האָט ישוע ענטפערנדיק צו איר געזאָגט: אשה,
דיין אמונה איז גרויס; זאָל דיר געשעען אַזוי ווי דו
ווילסט! און איר טאָכטער איז געהיילט געוואָרן פון
יענער שעה אָן.
29 און ישוע איז אַוועק פון דאָרטן, און איז געקומען